היינטיגער נומער האלט 12 זייטען

№ 273 Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem. פּרייז 35 גראשען Lodzer Tageblat

# לאדזשער טאגעבלאט

רעדאקציע און אדמיניסטראציע: פּיעטריקאווער 18. טעלעפאנען: פון רעדאקציע 57, פון אדמיניסטראציע 47 | פרייטאג, י' כסלו תרפ"ט | 23 listopada 1928 r. | 21-טער יאהרגאנג

## נוצט אויס די געלעגענהייט !!

פון מאנטאג ד. 26 נאוועמבער ביז'ן 5-טען דעצעמבער פערקויף איך צו ספּעציעל שפּאט ביליגע פּרייזען

50 פּראצ. קאסמעטישע ארטיקלען — פון 15—30% אונטערן פּרייז

באמערקונג: יעדער קויפער בעקומט גראטיס א פלאקאן עכט קעלניש-וואסער JOHANN MARJA FARINA און א טובע צאהן-פּאסטע CHLORODONT

פּערפומעריע **S. BUCHWEITZ, Piotrkowska 22** Tel. 31-43 i 59-67

יודישער ארבייטער וואהל-קאמיטעט „פּועלי-ציון"

מארגען, שבת, פּינקטליך 10 א זייגער פריה קומט פאר אין זאל פילהארמאניע נארוטאוויטשא 20

## א גרויסער פּראטעסט-מיטינג

צוליב'ן אפּלייגען די קראנקען-קאסע-וואהלען.

ס'וועלען ארויסטרעטען די חברים: יוסף ראזען פון ווארשע, ראטמאן ל. האלענדערסקי, ד"ר ל. שיפּמאן, ציטרינאוויטשי, בראנד, סטאלארסקי.

ארייננאנג פריי! ארבייטער און אנגעשטעלטע קומט מאסענווייז!

זאל פון קינא „זאכענטא" זגערזשער 26

מארגען שבת דעם 24 ה. ח. 10 אינדערפריה קומט פאר

## א גרויסער ארבייטער-מיטינג

א. ד. ט.: „פארוואס קומען נישט פאר די וואהלען צו דער קראנקען-קאסע"

ארויסטרעטען וועלען די ח"ח: י. ליכטענשטיין, ש. מירמאן, א. זעלמאנאוויטש א. א.

ארייננאנג פריי

לאדזער קאמיטעט פון „בונד"

## לאגער פון באטען און קאלאשען א. ס. „GUMIPOL"

15 NOWOMIEJSKA 15

עמפּפעהלט איז א גרויסען אויסוואהל פון דער אויסשליסליך די אויסארבייטונגען פירמע „GENTLEMAN"

פאבריקס-פּרייזען הורט און דעטייל פערקויף!

„קרן היסוד" לאדז | זונטאג, י"ב כסלו, ד. 25/11 9 אווענד קומט פאר | פילהארמאניע-זאל נארוטאוויטשא 20.

## א פייערליכע אקאדעמיע

לכבוד דער ארץ-ישראל-דעלעגאציע, מיט רעדעס וועלען ארויסטרעטען די מיטגלידער פון דער דעלעגאציע:

דיכטער ליב יפה מיטגליד פון דירעקטאריום פון קרן היסוד אין ירושלים

ה' שמואל זשוכאוויצקי, ווי אויך ד"ר מ. וואלדמאן

גרינדער און בויער פון דער קאלאניע מגדיאל אין א"י. פון בערלין, רעד. פון דער „יודישער רונדשוי".

איינגאנגס-בילעטען שוין צו בעקומען אין ציוניסטישען ביורא (צעגעלניאנא 4) און אין „התאחדות" שענקעוויטשא 3/5.

דער קאלאניאל-הענדלער-פעראיין צעגעלניאנא 15

מעלדעט אלע זיינע מיטגלידער ווי אויך אלע קאלאניאל-הענדלער, אז ס'איז שוין ארויסגעגעבען געווארען

## דער צעניק 13

מיט נייע פּרייזען. כדי אויסצומיידען בראטעקאלען, ראטען מיר, האט גיכער זיך צו בעזארגען מיט'ן דערמאנטען צעניק. דערמיט ווערט דער צעניק № 12 ערקלערט פאר אונגילטיג. די פערוואלטונג.

Tola Lewkowiczówna
Salomon Wajnacht

ZARĘCZENI

Łódź, w listopadzie 1928 r. Warszawa.

## פערטרעטונגען פון סאלידע פירמעס

אויף גראדנא און אומגעגענד נעמט אן: F. MATYS, Grodno, ul. Listowskiego 37. בראנזשעס מאנופאקטור, גאלאנטעריע, אפּטעקשנע און אנדערע. גוטע רעפערענצען.

**Dr. med. J. LUBICZ**

ORTOPEDA

גדאנסקא 28, טעל. 41-46

ספּעציאליסט פון ביינער און געלענקען-קראנקהייטען :—: פערקרימונגען פון פּלייצעס און גלידער. :—:

### אייגענע פּראצאווניע

פון זעמטליכע ארטאפּעדישע אפּאראטען: ווי תקלאדקעס-געגען פּלאטפוס, קינסטליכע פיס, ארטאפּעדישע גארסעטען א. ז. וו. נעמט אן פון 5—7

פּאלקיסטישע ארגאניזאציע אין לאדז, זאוואדסקא 8.

היינט, פרייטאג, 8 א זייגער אווענד קומט פאר אין פאלקס-קלוב

## א פּארטיי-פערזאמלונג

אלע אקטיווע חברים ווערען אויפגעפאדערט צו קומען.

דער ראט.

## אויפפאדערונג

דער לאדזשער ראבינאט פאדערט אויף ר' חיים פּילאנסקי פון גאשטעמט אגראדאווא 1 זיך צוזושטעלען צו א ד"ת מאנטאג ד. 26 נאוועמבער 1 א זייגער מיטאג אין ראבינאט-קאנצעלאריע, פּל. האלנאשטשי 6 מכח דעם סכסוך מיט זיין פרוי. אין געגענפאל וועלען מיר דערפון ציהען די געהעריגע קאנסעקווענצען

דער לאדזער ראבינאט




ד"ר מ. וואלפסאן

חסכאדניא 17, טעל. 28-83

צוריקגעקעהרט.

**Dr. med. M. Goldfarb**

זאוואדזקא 18. טעלעפאן 58-10.

הויט- האר- און געשלעכטס-קראנקהייטען

